**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/10/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מיט א מעסעדזש צו OPTIMUM און MSG: גענוג איז גענוג! הערט אויף צוריקהאלטן ספארט ליבהאבער פון זעהן פראגראמען און זעצט זיך צוריק ביים פארהאנדלונג טיש**

***לאנג-אנגייענדע געפעכט צווישן Optimum Cable און MSG Network האט איבערגעלאזט טויזנטע ניו יארקע ספארט ליבהאבער אן א וועג צו זעהן שפילן פון די Knicks, Rangers אדער Islanders***

***גאווערנער פאראדנט פאר דעפארטמענט פון פובליק סערוויס צו פאדערן פאראנטווארטליכקייט: ברענגט צוריק פראגראמען אויף א באלדיגן פארנעם אדער גיבט צוריק געלט פאר קליענטן***

***דעפארטמענט פון פובליק סערוויס שיקט בריוו פאר Altice, פירמע אין אייגנטום פון Optimum, רופנדיג פאר מער שוץ מאסנאמען פאר קליענטן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט גערופן אויף Altice און MSG צו שליכטן זייער לאנג-אנגייענדע געפעכט און צו צוריקברענגען בעסקעטבאל און האַקי פראגראמען וועלכע זענען בלאקירט פאר ניו יארקע קליענטן שוין פאר מער פון א חודש. אין די צייט וואס רוב ניו יארקער האבן זיך געגרייט פאר די 'סופּער באָול", האט גאווערנער Hochul (האקול) זיך קאנצענטרירט אויף בעסקעטבאל און האַקי ליבהאבער און האט פאראדנט פאר די דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service, DPS) צו אוועקשטעלן א פוס פאר קליענטן.

"ניו יארקער זענען שטאלצע ספארט פאנאטיקער, און דאס בלאקירן Knicks, Rangers און Islanders אנהענגער פון זעהן פראגראמען וועלכע זיי האבן באצאלט צו זעהן לייגט זיך פשוט נישט אויף די געוויסן", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "צוריקהאלטן אנהענגער פון צוטריט צו לעבעדיגע ספארט צוליב א נארישע געפעכט צווישן Optimum און MSG איז נישט יושר'דיג פאר ניו יארקער, און אונזער געדולד איז אויסגעלאפן. דאס גייט שוין אן פאר גענוג לאנג — עס איז צייט פאר ביידע צדדים צו צוריקקומען צו די פארהאנדלונג טיש און דאס שליכטן פאר די טובה פון ניו יארקער. גענוג איז גענוג!"

גאווערנער האקול מוטיגט די פירמעס צו שליכטן דעם געפעכט ווי שנעלער מעגליך. אזוי ווי די קאנטראקט פארהאנדלונגען זענען פאר, ווערן מער און מער קליענטן אויפמערקזאם איבער די פארשוואונדונג פון געוויסע פראגראמען, און ווי פארשטענדליך האבן זיי פראגן איבער זייערע אפציעס און איבער צוריקבאקומען געלט. די גאווערנער'ס פאראדענונג פאר די דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service, DPS) איז צו פארלאנגען אז אלע קליענטן זאלן אדער געגעבן ווערן אן אלטערנאטיווע וועג צו זעהן די שפילן פון די אפעקטירטע ניו יארקע ספארטס, אדער זאלן זיי געגעבן ווערן א פאסיגע טיילווייזע צוריקצאלונג. היינט האט די DPS געשיקט א בריוו פאר Altice, די פירמע אין אייגנטום פון Optimum, אלס טייל פון זייערע באמיאונגען צו האלטן די פירמע פאראנטווארטליך צו באשיצן די קליענטן וועלכע זענען אפעקטירט געווארן פון די פארשוואונדונג פון MSG פראגראמען.

צו האלטן Optimum פאראנטווארטליך, פאדערט די DPS אן אנטווארט צו די בריוו ביז פינף טעג, דעטאלירנדיג די ספעציפישע שריט וואס די פירמע וועט אונטערנעמען צו זיכער מאכן אז קליענטן ווערן נישט אפעקטירט דורכאויס די געפעכט. אויב Altice וועט נישט פארשטעלן א צופרידנשטעלנדע פלאן, וועט די DPS אנהויבן א פראצעדור פון עפנטליכע געהערן וואו די פירמע וועט געפאדערט ווערן צו ערקלערן עפנטליכערהייט וויאזוי זיי באשיצן איך אפעקטירטע קליענטן אלס טייל פון די דעפּארטמענט'ס אנגייענדע איבערבליק פון די אנגעלעגנהייט.

**דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס CEO און פובליק סערוויס קאמיסיע ( Public Service Commission) פארזיצער, Rory M. Christian (רארי מ. קריסטשיען), האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול) גיבט א שטימע פאר ניו יארקע ספארט ליבהאבער וועלכע זענען אומצופרידן אז זיי קענען נישט זעהן אלע זייערע קעיבעל טשענעלס און וועלכע דארפן זיין בארעכטיגט פאר א צוריקצאלונג פאר סערוויסעס צו וועלכע זיי קענען נישט צוקומען אדער געגעבן ווערן מיט אלטערנאטיוון אן צולייגן קאסטן. די דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס וועט ארבעטן פלייסיג צו זיכער מאכן אז קעיבעל פירמעס באשיצן זייערע קליענטן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן